# דעם רבינ'ס ליכט




**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין**
**וואָס דא האָט זיך גיטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

מצורע - שבת הגדול
תשפ"ב
גליון 88

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן לעכטיגן שבת פאַר אַלע טייערע קינדער**
מיר שטייען יעצט אין גאָר גאָר אַ הויכע צייט פונעם יאָר "חודש ניסן". דער הייליגער רבי האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער שרה'קע חודש ניסן און דעמאָלטס האָט ער מגלה געווען גאָר אַ געוואַלדיגע תורה וואָס רופט זיך "לשמש שם אהל בהם", דאָרט רעדט דער הייליגער רבי אַז חודש ניסן איז אַ חודש פון תשובה פונקט אַזוי ווי חודש תשרי, נאָר איין חילוק איז דאָ, אַז תשרי איז אַ 'תשובה פון יראה', מען זאָל מורא האָבן פונעם אויבערשטן און ניסן איז 'תשובה מאהבה', אַז מען האָט ליב דעם אויבערשטן.

ר' נתן אין לקוטי תפלות, אויף די תפלה פון דעם תורה בעט ער און גיסט זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן אויבערשטן: "רבונו של עולם, העלף מיר זיך מקדש זיין אין די צוויי חדשים פון יאָר וועלכע זענען די ראשים - דער שפיץ פונעם יאָר, דאָס איז חודש ניסן און חודש תשרי. איך זאָל זוכה זיין תשובה צו טון און ציען די קדושה פון ניסן און תשרי אויף אַ גאַנץ יאָר.

איינע פון די זאַכן וואָס דער רבי שרייבט אין דעם תורה איז אַז מען דאַרף דאַווענען מיט גרויס כוונה און מיטן גאַנצן האַרץ. בפרט פסח וואָס די גאַנצע זאַך פון פסח איז תפלות און שירות ותשבחות, דערפאַר הייסט טאַקע די הגדה פון פסח "הגדה". דאָס מיינט צו זאָגן, אַז פסח דאַרף מען אַסאַך רעדן מיטן מויל אַזויווי ר' נתן בעט זיך אין תפלה כ':

"העלף מיר רבונו של עולם צו באַקומען די קדושה פון יום טוב פסח מיט אַ געוואַלדיגע קדושה און מיט גרויס פרייד און מיר זאָלן זוכה זיין צו מקיים זיין די מצוה פון ד' כוסות מיט וויין ווי עס דאַרף צו זיין. העלף אונז מיר זאָלן זאָגן די הגדה מיט אַ הויכן קול, מיט גרויס כוונה, מיט גרויס שמחה און התעוררות און מיט אַ פלאַקערדיגע התלהבות".

עס איז דאָ אַ קליין תורה'לע אין לקוטי מוהר"ן וואו דער רבי שרייבט אַזוי: "בפסח צועקין בתפלה, פסח דאַרף מען שרייען ביים דאַווענען". לאָמיר זיך טאַקע משתדל זיין צו הייבן דאָס קויל ביים דאַווענען און ביי די הגדה מיט גרויס התלהבות און כוונה, בפרט ביים זאָגן הלל דאַרף מען לויבן דעם אויבערשטן אויף אַלע נסים וואָס ער טוט מיט אונז פון ווען מיר זענען אַרויס פון מצרים ביזן היינטיגן טאָג סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אַזוי ווי מיר זאָגן יעדן שבת ביי נשמת, און אויך פסח ביים סדר 'אילו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו... אין אנחנו מספיקים להודות לך .. ממצרים גאלתנו... ומבית עבדים פדיתנו.'




מיר דאַרפן דאַנקען דעם באַשעפער אַז מיר האָבן אַ גרויסן רבי'ן וואָס פירט אונז אויפן אַלטן וועג פון אידישקייט מיט תמימות ופשיטות און געלויבט דער אויבערשטער אַז מיר קריגן זיך נישט אויף

המשך אויף זייט 3

# "עֶפֶּענֶען
# אַ מַצָּה בֶּעקֶערַיי"

די טְרָאווִיצֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים פְלֶעגְן גֶעבְּן גָאר אַסאַךְ צְדָקָה, מֶען פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף זֵיי אַ װֶערְטְל "אַז זֵיי גִיבְּן נִישְׁט קֵיין מַעֲשֵׂר פוּן זֵייעֶר גֶעלְט!" וַוייל זֵיי פְלֶעגְן אִיבֶּערְלָאזְן פַאר זִיךְ דָאס מַעֲשֵׂר און דָאס אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְט הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר צְדָקָה!!

ר' סֶענְדֶער פוּן טְרָאוִויץ אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעוואַלְדִיגֶער בַּעַל צְדָקָה. נִישְׁט נָאר ר' סֶענְדֶער נָאר זַיין גַאנְצֶע חֲבוּרָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיינֶע טְרִיט, טְרָאץ וָואס ר' סֶענְדֶער הָאט גֶעלֶעבְּט אִין גְרוֹיס אָרִימְקַייט און דַחְקוּת.

אֵיין יָאר עֶרֶב פֶּסַח הָאט ר' סֶענְדֶער גֶעשִׁיקְט פַאר ר' הִירְץ שְׁטֶערְנְהַארְץ דְרַיי און צְוָואנְצִיג רוּבְּל פַאר דִי הוֹצָאוֹת פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע מְכוּבָּד'דִיגֶער סְכוּם, אַזוֹי אוֹיךְ פַאר נָאךְ אַנְדֶערֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְט עֶר שִׁיקְן גֶעלְט לְכָבוֹד פֶּסַח.

* * *

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּרִיק פוּן ר' אַייזִיק אֵייזְנְשְׁטֵיין, דֶער וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיט דֶעם קְלוֹיז אִין יָאר תרס"ג. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹשֶׁר און פְלֶעגְט טֵיילְן מִיט גָאר אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט צְדָקָה.

עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, הָאט ר' אַייזִיק גֶעשְׁטֶעלְט ר' נַאשְׁקֶע פוּן טוּלְטְשִׁין זָאל זַיין דֶער אוֹיפְזֶעהֶער און אוּמְקוּקְן זִיךְ אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע אָרִימֶע לַייט און זֵיי פַארְזָארְגְן עֶס זָאל זֵיי גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

טָאג טֶעגְלִיךְ פְלֶעגְט עֶר טֵיילְן פָּארְצִיעֶס פַאר הוּנְדֶערְטֶער מִשְׁפָּחוֹת, דָאס הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעצוֹיגְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר פֶּסַח הָאט ר' נַאשְׁקֶע גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' אַייזִיק: "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע אָרִימֶעלַייט? וָואס וֶועלְן זֵיי עֶסְן פֶּסַח?", "זָארְג נִישְׁט" הָאט ר' אַייזִיק אִים בַּארוּאִיגְט, "אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּגֵיין צוּם סֵדֶר פַאר אִיךְ וֶועל זֵיי צוּשְׁטֶעלְן מַצּוֹת און וויין און אַלֶע גוּטֶע מַאֲכָלִים פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט".

זַיין צוּזָאג הָאט עֶר טַאקֶע אַיינְגֶעהַאלְטְן. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי - דִי בֶּעקֶערַיי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁפַּארְט און עֶר הָאט אָפְּגֶעדִינְגֶען דָאס בֶּעקֶערַיי מִיט אַלֶע אִירֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צְוֵויי טֶעג פַאר פֶּסַח און בַּאשְׁטֶעלְט מַצּוֹת פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹחֵר פוּן דִי קַארְטָאפְל וֶועלְכֶער אִיז גְרַאדֶע גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, עֶר הָאט אִים טַייעֶר בַּאצָאלְט עֶר זָאל שַׁאפְן קְוַואנְטוּמְס פוּן זֶעק קַארְטָאפְל - טְרָאץ וָואס אִיז גֶעוֶוען דַאן אַ הוּנְגֶער.



דֶעם קַצָּב הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֵיין מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט! אַ גְרוֹיסְן קוּ גֶעשָׁאכְטְן און צוּטֵיילְט דִי פְלֵייש, אַזוֹי אוֹיךְ וַויין, אוֹיל, אַלֶעמְס עֶס זָאל דֶערְפְרֵייעֶן און שְׁטִילְן דֶעם הוּנְגֶער און בְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב פַאר דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט.

* * *

בַּיים עֶרְשְׁטְן וֶועלְטְס קְרִיג, אִיז גֶעוֶוען אַ דֶערְפְל נֶעבְּן אוּמַאן, וואוּ אַלֶע גוֹי'שֶׁע אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן זִיךְ מְגַיֵיר גֶעוֶוען דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע לַייט, נָאכְדֶעם וָואס דִי רַבָּנִים הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג [שִׁלְטוֹנוֹת] זֵיי צוּ מְגַיֵיר זַיין, אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט און זֵיי צוּגֶעהָאלְפְן מִיט דִי גֵרוּת.

ר' לֵייבּ דֶער רַב פוּן אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם גִיוּר. אוֹיף פֶּסַח אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּ זֵיי און גֶעפְּרַאוֶועט מִיט זֵיי דֶעם יוֹם טוֹב. וִויבַּאלְד זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים הָאבְּן זֵיי אִים צוּגֶעגְרֵייט פוּן אַלֶעם גוּטְן.

עֶר הָאט אַלֶעמֶען אָנְגֶעוָוארְנְט, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעוָואר וֶוערְן אַז עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעפִירְט און זֵיי מְגַיֵיר גֶעוֶוען.

המשך בעז"ה

# קְרֶעץ אוֹיפְן הַאנְט

"מַיין הַאנְט קְרַאצְט מִיר!" הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ מַיין מַאמֶע נָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קְרַאצְן מַיין הַאנְט. מַיין מַאמֶע גֶעבְּט אַ קוּק אוּן גֶעבְּט אַ גֶעשְׁרַיי, "אוֹי, דוּ הָאסְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אוֹיסְשְׁלַאג! [פֶּצַע] זִי בַּאטְרַאכְט עֶס פוּן אַלֶע זַייטְן וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוּן דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ פוּן מַיין מַאמֶע'ס הִיסְטֶערִישֶׁע רִיאַקְצִיֶע.

"וָואס קֶען עֶס מֵיינֶען?" הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. אִינְמִיטְן פוּן מַיין אָרֶעם, צְוִוישְׁן דִי עֶלֶענְבּוֹיגְן אוּן הַאנְט אִיז מִיר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ וואוּנְד מִיט קְרֶעץ. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעקְרַאצְט אוּן וֵויי-גֶעטוּן.

"וֶוען טַאטִי וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן," הָאט מַיין מַאמֶע מִיר בַּארוּאִיגְט. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה וַוייל מִיר וֵוייסְן קְלָאר אַז נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן נִישְׁט קַיין דָאקְטוֹירִים אוּן נִישְׁט אַנְדֶערֶע הֵייל מִיטְלֶען!

נָאכְמִיטָאג בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין בַּאבֶּע הֶעלְפְן מַאכְן פֶּסַח'דִיג. אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל אַרוֹיפְגֶעצוֹיגְן מַיין אַרְבֶּל אַז סְ'זָאל נִישְׁט וֶוערְן נַאס אוּן מַיין בַּאבֶּע הָאט בַּאמֶערְקְט מַיינֶע קְרֶעץ! אוּהַא! זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז זִי אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ דִי מֶעדֶעצִינֶען שַׁאפֶע אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ בַּארְג שְׁמִירַאכְצֶער אוּן מִיר אָנְגֶעשְׁמִירְט פוּן אַלֶע זַייטְן! זִי הָאט מִיט אַ פֶּענֶע גֶעמַאכְט אַ סִימָן אַרוּם דֶעם וואוּנְד צוּ קֶענֶען וִויסְן אוֹיבּ עֶס וֶוערְט קְלֶענֶער אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם עֶס צֶעשְׁפְּרֵייט זִיךְ.

אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הָאט זִי מִיר מִיטְגֶעשִׁיקְט אַ גַאנְצֶע פֶּעקְל מִיט מֶעדֶעצִינֶען אוּן שְׁמִירַאכְצֶער אַז מַיין מַאמֶע זָאל מִיר שְׁמִירְן. זִי הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען מַיין מַאמֶע הִיסְטֶערִישׁ אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ מְסוּכָּנְ'דִיגֶע אוֹיסְשְׁלַאג אוּן אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרָאפּ דַארְף מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער.

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז מִיר הָאבְּן



נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס אִיז. אוּן נָאכְמֶער זֶענֶען מִיר בַּאזָארְגְט גֶעוָוארְן וֶוען נָאךְ אַ טָאג אִיז דִי וואוּנְד אַרִיבֶּער דִי פֶּענֶע וָואס מַיין בַּאבֶּע הָאט גֶעמַאלֶעוֶועט דָאס מֵיינְט אַז דִי וואוּנְד אִיז גֶעוָוארְן גְרֶעסֶער אוּן נִישְׁט נָאר דָאס נָאר סְ'הָאט זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייט צוּ דִי אַנְדֶערֶע הַאנְט אוֹיךְ! דָאס הָאט אוּנְז בֶּאֱמֶת בַּאזָארְגְט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט מַסִיחַ דַעַת זַיין דֶערְפוּן אֲפִילוּ פַאר אֵיין מִינוּט וַוייל סְ'הָאט מִיר גֶעפֶערְלִיךְ גֶעקְרַאצְט אוּן וֵויי גֶעטוּן.

דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעמַאכְט אַ יוֹם תְּפִלָּה. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט "לַמְנַצֵּחַ", דָאס קֶענֶען זֵיי אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייִנִיג. דִי גְרוֹיסֶע הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט צוּ זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז כְּדַאי אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֵייגְן דִי שְׁמִירְן וַוייל וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן דִי וואוּנְד וֶועט אַרָאפְּגֵיין וֶועט מֶען זָאגְן: "טַאקֶע, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אָבֶּער דִי שְׁמִירְן הָאבְּן גֶעטוּן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט..." סְ'אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מַיין טַאטֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען חֲצוֹת אַזוֹי וִוי יֶעדְן טָאג אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאוַוייזְן וואוּנְדֶער אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה, "בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה", פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אוּן וָואס מֵיינֶען אַייךְ אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁען? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן, וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה'לֶע פַאר דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט... דֶער אַנְדֶערְן טָאג וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִיז דִי וואוּנְד שׁוֹין גֶעוֶוען קְלֶענֶער וִוי דִי סִימָן פוּן דִי פֶּענֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דִי וואוּנְד אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁוִוּנְדְן גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ עֶס מֶער נִישְׁט גֶעזֶען. יֶעצְט ווִיל אִיךְ בְּרַבִּים דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן צוּ מִיר!

דער ריינער קוואל

אִים נָאר מִיר שְׁטֶרֶעבְּן אוּן בֶּענְקֶען אוּן ווִילְן גֵיין אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן.

יֶעצְט אִיז טַאקֶע דִי צַייט טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער. וְכָאן הַבֵּן שׁוֹאֵל! יֶעצְט חֹדֶשׁ נִיסָן וֶוען כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אַרוֹיס בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע גְאוּלָה

המשך פון זייט 1

אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן אַ מַנְהִיג רַחְמָן וָואס זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערְן גָלוּת אוּן נָאךְ דֶעם יָאר זָאל שׁוֹין זַיין דִי תְּפִלָּה וָואס מִיר בֶּעטְן בַּיי דִי יוֹצְרוֹת פוּן שַׁבָּת: "בְּקָרוֹב נַהֵל נִטְעֵי כַנָּה פְּדוּיִים לְצִיּוֹן בְּרִנָּה" אָמֵן וְאָמֵן.

# ~ דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## די זיבן בעטלערס

~6~




דֶעם פִיפְטִין טָאג. זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם בֶּעטְלֶער וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ הוֹיקֶער. אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט וִוי נֶעמְט מֶען אַהֶער דֶעם בֶּעטְלֶער דֶעם הוֹיקֶער. וָוארִין אַז עֶר זָאל דָא זַיין וָואלְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. אִין דֶעם קוּמְט עֶר אָן. אוּן זָאגְט אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵי גִיהַאלְזְט אוּן גִיקוּשְׁט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. פְרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אַייךְ] דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אוּן אִיךְ בִּין גָאר קֵיין הוֹיקֶער נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ הָאבּ אַזוֹינֶע פְּלֵייצֶעס. וָואס זֵיי זֶענֶען מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה אוּן אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף אֵיין הַסְכָּמָה.

וָוארִין אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין שְׁמוּס וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶער זַאךְ. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה (כְּלוֹמֶר אַ קְלֵיין אָרְט זָאל הַאלְטִין פִיל) הָאט מֶען פוּן אֵיינֶעם גִילַאכְט. אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ בַּארִימְט. מִיט דֶער זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. זֶענֶען יוֹא גִיפֶעלִין. אָבֶּער מַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע. וָוארִין אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז זַיין מוֹחַ אִיז אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן. מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע הַנְהָגוֹת מִיט גָאר זֵייעֶרֶע הֲוָויוֹת מִיט זֵייעֶרֶע תְּנוּעוֹת. טְרָאגְט עֶר דָאס אַלְץ. גָאר אוֹיף זַיין מוֹחַ. אִיז עֶר זִיךְ אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין אַ שְׁטִיקִיל מוֹחַ זָאל אוֹיף זִיךְ טְרָאגִין אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶר הִצְטַרְכוּת וְכוּ' (דְרוּם הֵייסְט עֶר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה דְהַיינוּ אַ שְׁטִיקִיל אָרְט הַאלְט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרָאגְט אַזוֹי פִיל דְהַיינוּ דָאס שְׁטִיקִיל מוֹחַ טְרָאגְט אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן מִיט גָאר זֵייעֶרֶע זַאכִין וְכוּ' כַּנַ"ל) הָאט מֶען אוֹיס אִים גִילַאכְט. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפִין. דוּ בִּיסְט נִישְׁט. אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט. הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה.

וָוארִין אַמָאל בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען. פַאר אַ בַּארְג. הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע אִיז אוֹיף דֶעם בַּארְג גִיוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז. בַּיי מִיר אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען. פוּן וַואנֶעט קוּמְט אוֹיף דֶעם בַּארְג. אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ מֶענְשׁ לֶעבִּין דֶעם בַּארְג. הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיזָאגְט. דָאס אִיז אַלְץ פוּן מִיר. וָוארִין עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסִין לֶעבִּין דֶעם בַּארְג. הָאט עֶר אַלְץ גִיוָוארְפְן אוֹיף דֶעם בַּארְג מִיסְט אוּן פַאסְקִיטְצְוֶוע פוּן זַיין עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען. אִיז דָאס פוּן אִים אַזוֹי פִיל מִיסְט אוּן טִינוּף אוֹיף דֶעם בַּארְג. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין פוּן אֵיין מֶענְטְשְׁן זָאל אַזוֹיפִיל מִיסְט זַיין. אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ (דְהַיינוּ אַזוֹי אִיז דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מוֹחַ אַזוֹי פִיל מֶענְטְשְׁן וְכוּ').

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָוארִין עֶר הָאט אַ שְׁטִיקִיל מְדִינָה. וָואס סֶע גִיט אוֹיס זֵייעֶר אַ סַאךְ פֵּירוֹת דֶערְנָאךְ בַּארֶעכִינְט מֶען דִי פֵּירוֹת וָואס דִי מְדִינָה גִיט אוֹיס. זֶעהְט מֶען אַז דִי מְדִינָה הַאלְט גָאר נִיט אַזוֹי פִיל אָרְט וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין

פַארְנֶעמֶען. סֶע גָאר אַזוֹי פִּיל אָרְט אִין דֶער מְדִינָה נִיט דָא וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפִין פַארְנֶעמֶען. נִמְצָא אִיז זִיךְ דָאס אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. (דְהַיְינוּ אַ בִּיסְל אָרְט הַאלְט אַזוֹי פִּיל) זֶענֶען זַיְינֶע רֵייד גִיפֶעלִין זֵיי. אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.

אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט אֵיין פַּרְדֵס (דְהַיְינוּ אַ גָארְטִין) זֵייעֶר אַ ווַאוֹילִין וָואס סֶע אִיז דָארְט דָא פֵּירוֹת וְכוּ׳ פָארִין אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן אוּן שְׂרָרוֹת. וָוארִין סֶע אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פַּרְדֵס. אוּן אַז סֶע קוּמְט זוּמֶער פָארִין אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן אוּן שְׂרָרוֹת זִיךְ שְׁפַּאצִירִין דָארְט. אוּן צוּם אֶמֶת אִיז דָארְט אִין דֶעם גָארְטִין. גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין אַזוֹי פִּיל אָרְט אַז סֶע זָאל קָאנֶען הַאלְטִין אַזוֹי פִּיל מֶענְטְשְׁן. אִיז זִיךְ דָאס אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. אִיז דֶער אוֹיךְ גִיפֶעלְן זֵיי.

אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. אַז זַיין דִיבּוּר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין עֶר אִיז אֵיין סֶעקְרִיטַאר בַּיי אַ גְרוֹיסִין מֶלֶךְ. אוּן צוּ דֶעם מֶלֶךְ קוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְשְׁן. דֶער קוּמְט מִיט שְׁבָחִים צוּם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ זֵיי זָאגִין אִיטְלִיכֶער אַ לוֹיבּ צוּם מֶלֶךְ) דֶער קוּמְט מִיט בַּקָשׁוֹת צוּם מֶלֶךְ. אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין. אוּן דֶער מֶלֶךְ קָאן בְּוַודַאי נִיט דָאס אַלְץ אוֹיסְהֶערִין. נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע רֵייד אִין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער נָאר. אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נָאר עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער. אִיז דְרִינֶען כָּלוּל אַלֶע שְׁבָחִים אוּן אַלֶע בַּקָשׁוֹת זֵייעֶרֶע אוּן גָאר זֵייעֶרֶע רֵייד קוּמֶען אַלֶע אַרַיין אִין דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער מַיינֶע וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם מֶלֶךְ. נִמְצָא אִיז זִיךְ מַיין דִיבּוּר אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.

אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. זַיין שְׁתִיקָה (דְהַיְינוּ זַיין שְׁוַוייגִין) אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מְקַטְרִיגִים אוּן בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע וָואס זֵיי רֵיידִין אוֹיף אִים זֵייעֶר פִּיל. וָוארִין מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים אוּן מֶע רֶעט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ. אוּן וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים אוּן מֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים. אוּן וָואס מֶע זָאגְט אוֹיף אִים. טוּט עֶר אֵיין שְׁוַוייג. אִיז דָאס אַ תִּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן אוֹיף אַלֶע רֵיידִיכְץ וָואס מֶע רֶעט אוֹיף אִים. אוּן נָאר מִיט זַיין שְׁוַוייג פַארֶענְטְפֶערְט עֶר אַלְץ. נִמְצָא אִיז זַיין שְׁתִיקָה אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה.

אֵיינֶער הָאט גִיזָאגְט. עֶר אִיז אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיין אָרִימַאן אוּן דֶער אָרִימַאן אִיז אַ סַגִי נְהוֹר. אוּן אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער. אוּן עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין אָרִימַאן דֶעם סַגִי נְהוֹר. נִמְצָא אִיז עֶר זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה וָוארִין דֶער סַגִי נְהוֹר וָואלְט זִיךְ גִיקָאנְט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אוּן פַאלִין. אוּן עֶר דֶערְהַאלְט אִים מִיט דֶעם וָואס עֶר פִירְט אִים. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַ מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָוארִין עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַאלְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר.

אוּן אִיךְ בִּין דָארְטִין אוֹיךְ גִיוֶועזְן. (דְהַיְינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ). הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָן גִירוּפִין סֶע אִיז אֶמֶת. אַז אִיר הָאט דִי זַאךְ פוּן מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס אִיר אַלֶע הָאט גִימֵיינְט. (דְהַיְינוּ דִי אַלֶע וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וֵוייסְט עֶר וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט גִימֵיינְט) אוּן אֲפִילוּ דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר. אִיז עֶר גְרֶעסֶער פוּן אֵייךְ אַלֶע.

לוּשְׁמִיר אִיךְ בִּין נָאךְ גְרֶעסֶער הֶעכֶער פוּן אֵייךְ אַלֶע וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר פִירְט דֶעם גְרוֹיסִין סַגִי נְהוֹר. מֵיינְט עֶר. עֶר פִירְט דֶעם גַלְגַל הַיָרֵחַ. (דְהַיְינוּ דֶעם הִימִיל וָואס דִי לְבָנָה אִיז דָארְט) וָוארִין דִי לְבָנָה הֵייסְט אַ סַגִי נְהוֹר. וָוארִין זִי לַייכְט נִיט פוּן זִיךְ אַלֵיין וְכוּ׳. אוּן דֶער פִירְט דִי לְבָנָה. חָאטְשֶׁע עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער אוּן דֶער גַלְגַל פוּן דֶער לְבָנָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן דָאס אִיז אַ קִיוּם פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. (כְּלוֹמַר דוּרְךְ דֶעם הָאט גָאר דִי וֶועלְט אַ קִיוּם) וָוארִין דִי וֶועלְט בַּאדַארְף זִיךְ דִי לְבָנָה. נִמְצָא אִיז דֶער בְּוַודַאי אַ רֶעכְטֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. לוּשְׁמִיר אָבֶּער מַיין מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה אִיז הֶעכֶער גָאר פוּן אַלֶע.

וְהָא רַאְיָה. וָוארִין אַמָאל אִיז גִיוֶועזְן אַ כִּיתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיטְלִיכֶע חַיָה הָאט זִיךְ אִיר צֵל (דְהַיְינוּ אִיר סָאטִין). וָואס נָאר אִין דֶעם סָאטִין דַוְקָא. וִויל זִי דָארְט זַיין. אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חַיָה אִיר סָאטִין בַּאזוּנְדֶער. וָוארִין אִיטְלִיכֶע חַיָה קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַ סָאטִין אוּן אִין דֶעם סָאטִין דַוְקָא וִויל זִי נָאר רוּעֶן. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶעס עוֹף הָאט זִיךְ זַיין צְוַוייג. וָואס אוֹיף דֶעם צְוַוייג דַוְקָא וִויל דָאס עוֹף רוּעֶן. אוּן אוֹיף קֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג נִיט. אוּן דָאס אַנְדֶערֶע עוֹף הָאט זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע צְוַוייג וָואס נָאר דָארְט רוּט עֶס. אוּן אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶע

המשך אויף זייט 6

צְוַוייג נִיט. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְס עוֹף. הָאט זִיךְ אַלְץ זַיין צְוַוייג דַוְקָא.

אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיקְלֶערְט. אוֹיבּ סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים. וָואס אִין זַיין סָאטִין זָאלִין רוּעֶן אַלֶע חַיוֹת. וָואס אַלֶע חַיוֹת זָאלִין וֶועלִין רוּעֶן אִין דֶעם סָאטִין פוּן דֶעם בּוֹים. אוּן אוֹיף דִי צְוַוייגִין פוּן דֶעם בּוֹים. זָאלִין רוּעֶן אַלֶע עוֹפוֹת. הָאבִּין זֵיי דֶערְקֶלֶערְט אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ בּוֹים. הָאבְּן זֵי גִיוָואלְט אַהִין גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער תַּעֲנוּג וָואס סֶע אִיז דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים דָאס הָאט גָאר קֵיין שִׁיעוּר נִיט. וָוארִין דָארְט אִיז פַארְהַאנְדִין אַלֶע חַיוֹת מִיט אַלֶע עוֹפוֹת. אוּן דָארְט אִיז קֵיין שׁוּם הֵיזֶק נִיט פַארְהַאנְדִין פוּן קֵיין שׁוּם חַיָה. (כְּלוֹמֶר קֵיין שׁוּם חַיָה אִיז דָארְט נִיט מַזִיק קֵיינֶעם) אוּן אַלֶע חַיוֹת זֶענֶען דָארְט אַלֶע אוֹיס גִימִישְׁט. זֵיי אַלֶע שְׁפִּילִין זִיךְ דָארְט אוּן סֶע אִיז בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג צוּ זַיין דָארְט בַּיי דֶעם בּוֹים.

הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין וְוירִימִיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. אִיז גִיוָוארִין צְוִוישְׁן זֵיי אַ מַחְלוֹקֶת אִין דֶער זַאךְ. אוּן סֶע אִיז צְוִוישְׁן זֵיי נִיט גִיוֶוען קֵיין מַכְרִיעַ. וָוארִין דֶער הָאט גִיזָאגְט. אַז מֶע בַּאדַארְף גֵיין אַהֶער אִין דֶער זַייט קֵיין מִזְרַח. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט. קֵיין מַעֲרָב זַייט בַּאדַארְף מֶען גֵיין. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אַהֶער. בִּיז זֵי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט וִויסִין דֶעם רֶעכְטִין וֶועג. וְוירִימִיר מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין. אַז מֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים.

אִיז גִיקוּמֶען אַ חָכָם אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. וָואס קְלֶערְט אִיר. דוּרְךְ וֶועלְכֶער זַייט מֶע בַּאדַארְף צוּ גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. קְלֶערְט פְרִיר. וֶוער סֶע זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זָאלִין קֶענֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן נִיט אִיטְלִיכֶער קוּמֶען. וָוארִין צוּ דֶעם בּוֹים קָאן מֶען נִיט קוּמֶען. נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים.

וָוארְן דֶער בּוֹים הָאט דְרַיי שָׁרָשִׁים (דְהַיינוּ דְרַיי וָוארְצְלִין) אֵיין שׁוֹרֶשׁ אִיז אֱמוּנָה. (אַז מֶע זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט ב״ה) אוּן דֶער אַנְדֶערֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז יִרְאָה. אוּן דֶער דְרִיטֶער שׁוֹרֶשׁ אִיז עֲנִיווּת (דְהַיינוּ מֶע זָאל פוּן זִיךְ נִיט הַאלְטִין) אוּן אֱמֶת אִיז דֶער גוּף פוּן דֶעם בּוֹים דְהַיינוּ דֶער בּוֹים אַלֵיין אִיז אֱמֶת. אוּן פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס צְוַוייגִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן קֵיינֶער נִיט קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים (דְהַיינוּ אֱמוּנָה עֶר זָאל גְלֵייבִּין אִין גָאט אוּן יִרְאָה עֶר זָאל מוֹרָא הָאבִּין פַאר גָאט. אוּן עֲנִיווּת. עֶר זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִישְׁט הַאלְטִין. אוּן אֱמֶת) (אַזוֹי הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּ דֶער כִּיתָּה).

דִי כִּיתָּה הָאבִּין אָבֶּער נִיט אַלֶע גִיהַאט דִי מִדוֹת. נָאר אַ טֵייל פוּן זֵיי הָאבִּין אִין זִיךְ גִיהַאט דִי מִדוֹת הַנַ״ל. אִיז אָבֶּער צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס אַחְדוּת (דְהַיינוּ דִי כִּיתָּה הָאבִּין זִיךְ אַלֶע לִיבּ גִיהַאט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם) הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיוָואלְט אָפְּטֵיילִין אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. אַז אַ טֵייל זָאלִין יוֹא גֵיין צוּם בּוֹים (דְהַיינוּ דִי וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין יוֹא דִי מִדוֹת פוּן דֶעם בּוֹים) אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע זָאלִין בְּלַייבִּין. הָאבִּין זֵיי דָאס נִיט גִיוָואלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר גִיהַאלְטִין אִין אֵיינֶעם. נָאר מֶע מוּז וַוארְטִין. בִּיז אַלֶע זָאלִין זִיךְ דֶער הָארִיוֶועט צוּ דִי מִידוֹת. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אַלֶע קָאנֶען קוּמֶען צוּ דֶעם בּוֹים. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהָארֶעוֶועט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדוֹת הַנַ״ל. (דְהַיינוּ זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִיוַוארְט אֵיינְס אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בִּיז אַלֶע הָאבִּין זִיךְ דֶער הָארִיוֶועט. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדוֹת הַנַ״ל דְהַיינוּ זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אַלֶע גִיהַאט אֱמוּנָה אוּן יִרְאָה וְכוּ׳ כַּנַ״ל).

וִוי זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען צוּ דִי מִדוֹת. אַזוֹי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע גִיקוּמֶען אוֹיף אֵיין דֵיעָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶוען אוֹיף אֵיין וֶועג. אַז מִיט דֶעם וֶועג בַּאדַארְף מֶען גֵיין צוּ דֶעם בּוֹים. זֶענֶען זֵיי אַלֶע גִיגַאנְגֶען.

זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אַ צַייט. בִּיז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹים פוּן וַוייטִין. דֶערְוַוייל טוּעֶן זֵיי אַ קוּק. שְׁטֵיט גָאר דֶער בּוֹים אוֹיף קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. אוּן אַז עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. וִוי אַזוֹי קָאן מֶען צוּ אִים קוּמֶען. אוּן אִיךְ (דְהַיינוּ דֶער הוֹיקֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) בִּין דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען מִיט זֵיי. הָאבּ אִיךְ מִיר אָנְגִירוּפִין צוּ זֵיי. אִיךְ קָאן אַייךְ יוֹא בְּרֶענְגֶען צוּ דֶעם בּוֹים. וָוארִין דֶער בּוֹים הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט. וָוארִין דֶער בּוֹים אִיז לְמַעְלָה מֵהַמָקוֹם (כְּלוֹמֶר עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט פוּן דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט גָאר קֵיין אָרְט נִיט)

אוּן דִי זַאךְ פוּן מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. אִיז זִיךְ נָאךְ אִין דֶעם אָרְט. וָוארִין חָאטְשֶׁע סֶע אִיז מוּעָט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. דְהַיינוּ אַבִּיסְל אָרְט הַאלְט פִּיל מֶער אֵיידֶער אוֹיף דֶעם אָרְט קָאן זִיךְ שְׁטֶעלִין. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. אִיז זִיךְ דָאס נָאךְ אִין דֶעם אָרְט וָוארִין סֶע פַארְנֶעמְט זִיךְ נָאךְ פָארְט עַל כָּל פָּנִים עֶפֶּעס אֵיין אָרְט. אוּן אִיךְ (דְהַיינוּ דֶער הוֹיקֶער) הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה. וָואס דֶער מִיעוּט מַחְזִיק אֶת

הַמְרוּבָּה. אִיז שׁוֹין גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט. וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער. אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן אִיךְ אַייךְ טְרָאגִין אַלֶע צוּ דֶעם בּוֹים וָואס עֶר אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט. (וָוארִין דֶער הוֹיקִיר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מְמוּצָע דְהַיְינוּ אִין מִיטִין צְווִישִׁין אָרְט אוּן צְווִישִׁין הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט וָוארִין עֶר אִיז אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. וָואס סֶע אִיז גָאר דֶער עֶק פוּן דֶעם אָרְט. וָואס פוּן דָארְט הֶעכֶער אִיז שׁוֹין גָאר קֵיין שׁוּם אָרְט נִיט פַארְהַאנְדִין. אִיבֶּער דֶעם קָאן דֶער הוֹיקֶער זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אָרְט אוּן זָאל זֵי טְרָאגִין צוּ הֶעכֶער פוּן דֶעם אָרְט). הָאבּ אִיךְ זֵיי גִינוּמֶען אוּן הָאבּ זֵיי אִיבֶּער גִיטְרָאגִין צוּ דֶעם בּוֹים.

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה. אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה. (אוּן אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַ הוֹיקֶער. וָוארִין עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ פִּיל וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ מִיעוּט מַחְזִיק אֶת הַמְרוּבָּה) הַיְינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ אִיז דָארְט גִיוָוארִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה.

## די דרייצנטע מעשה (6) - פון די זיבן בעטלירס

**א. וועלכע סארט פלייצעס האט דער בעטלער דער הויקער?**
- ❑ שוואכע פלייצעס
- ❑ צובראכענע פלייצעס
- ❑ פלייצעס וואס זענען מועט מחזיק את המרובה

**ב. דער וואס האט זיך בארימט אז זיין מח איז מועט מחזיק את המרובה, האט מען מקבל געווען זיינע ווערטער?**
- ❑ יא, מ'האט מקבל געווען זיינע ווערטער
- ❑ מ'האט געלאכט פון אים
- ❑ מ'איז זייער נתפעל געווארן פון אים

**ג. צו וועלכע מיעוט מחזיק את המרובה האט איינער צוגעגליכנט דער וואס האט זיך בארימט מיט זיין מח?**
- ❑ צו דער מענטש וואס זיצט נעבן א בארג מיסט און טינוף וואס קומט פון אים
- ❑ צו די מדינה וואס גיבט ארויס אסאך פירות
- ❑ צו די גארטן וואס שפאצירן דארטן מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא

**ד. מיט וואס האט זיך דער צווייטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ה. מיט וואס האט זיך דער דריטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ו. מיט וואס האט זיך דער פערטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ז. מיט וואס האט זיך דער פיפטער בארימט?**
- ❑ אז זיין שוויגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער וואס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ ביידע תשובת זענען ריכטיג

**ח. מיט וואס האט זיך דער זעקסטער בארימט?**
- ❑ אז זיין שוויגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער וואס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ ביידע תשובת זענען ריכטיג

***ט. שאלת זכות: איז ביי די שמועס געפעלן די אלע וואס האבן זיך בארימט מיט "מיעוט מחזיק את המרובה"?***
- ❑ *יא*
- ❑ *ניין*
- ❑ *אלע קענען געפעלן חוץ דער ערשטער*

**י. אויף וועמען זאגט דער בעטלער אז ער איז גרעסער פון אלע?**
- ❑ אויף דעם  פון דעם גארטן
- ❑ אויף דעם סעקרעטאר
- ❑ אויף דעם קליינעם וואס פירט דעם סגי נהור

**יא. איז דא א בוים וואס אלע חיות און עופות רוען דארט?**
- ❑ ס'איז דא א בוים וואס אלע חיות רוען דארט
- ❑ ס'איז דא א בוים וואס אלע חיות און עופות רוען דארט
- ❑ א חלק האבן געזאגט אז עס איז דא, און א חלק נישט

**יב. האבן זיי גלייך געוואוסט דעם וועג צום בוים?**
- ❑ א חלק האבן געזאגט אז די וועג איז פון מזרח, און א חלק פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די וועג איז פון מערב
- ❑ אלע האבן געזאגט אז די וועג איז פון מזרח

**יג. ווער קען קומען צו דער בוים?**
- ❑ ווער ס'האט אמונה און יראה
- ❑ ווער ס'האט עניוות און אמת
- ❑ ווער ס'האט אמונה און יראה, עניוות און אמת

**יד. אלע פון די כתה האבן געהאט די מידות צו קומען צום בוים?**
- ❑ אלע האבן גלייך געהאט, נאר זיי האבן נישט געוואוסט די וועג
- ❑ א חלק האבן געהאט די מידות און זיי זענען אליין געגאנגען
- ❑ די וואס האבן געהאט די מידות האבן געווארט אז אלע זאלן האבן די מידות

**טו. וואס איז די מועט מחזיק את המרובה פון דעם בעטלער?**
- ❑ אז ער קען זיי ברענגען צו דעם בוים
- ❑ אז ער קען פירן דעם גרויסן ארימאן
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס איז א מיעוט מחזיק את המרובה

***טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?***
- ❑ *די גרויסקייט פון אחדות*
- ❑ *די גרויסקייט פון אמת אמונה ענוה און יראה*
- ❑ ______________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

בס"ד

# טייערע קינדער
# היכונו!
## צום גרויסן מעמד

סיום ספורי

מעשיות

געלערנט געווארן אויף די סדר פון "דעם רבי'נ'ס מעשיות"

## וואס וועט בעז"ה פארקומען ב'
## דחול המועד פסח (יום שני)

בשעה 1:30 נאכמיטאג

## אין בית שמש

פרטים פון זאל אין טעל-ליין קנעפל 3

איינטריט (דמי כניסה) 15 ש"ח לכיסוי הוצאות, ביי ר' יואל יאראוויטש אדער ביי די ספרים פון - אור הנחל - אנשי הצדיק - תפארת הנחל ביז אלע פלעצער ווערן פארקויפט.

*הגרלות מיוחדות מ500 נקודות ומעלה מהבחינות של סיפורי מעשיות. נשאר עוד שבוע להוסיף נקודות. ועוד הגרלה לכל משתתפי המעמד*

### דברי פתיחה
### הרה"ח ר' שמעון אליהו ברוין שליט"א

טעל-ליין 02-5-3333-72

### דעם רבי'נס משלים

פארציילט און אויפגעשפילט דורך אינגעלייט מחשובי אנ"ש באגלייט מיט כלי שיר.

ניגון אויף סיפורי מעשיות אין גראמען געזינגען דורך חשוב'ע קינדער

דער מעמד איז פאר קינדער פון כתה ג' ביז די בר מצוה, אויך פאר ווער עס האט נישט געענדיגט סיפורי מעשיות

דעם רבי'נ'ס ליכט




אוּן סֶע אִיז דָארְט
זֵייעֶר אַ שִׂמְחָה
גִיוֶוען. אוּן סֶע
אִיז דָארְט גִיוֶוען
אַלֶערְלֵיי זַאכְן
פוּן שִׂמְחָה.
קַאפֶּעלְיֵיעס אוּן
קָאמֶעדְיֵיעס אוּן
דֶעסְט גְלַייכְן,
אוּן אַלְדִינְג וָואס
סֶע נִיצְט נָאר צוּ
שִׂמְחָה. (ז' בעטלערס)